16 דעם, וואָס דו האָסט געזען און געהערט. און
איצט וואָס צעגערסטו? שטיי אויף, לאָז דיך טובל
זיין, און וואַש אָפּ דיינע זינד, אָנרופנדיק זיין
17 נאָמען. און עס איז געשען, בעת איך האָב מיך
אומגעקערט קיין ירושלים און האָב תפילה געטון
אין בית המקדש, בין איך אַריינגעפאַלן אין אַן
18 עקסטאַז, און האָב אים געזען זאָגן צו מיר: איל
דיך, און גיי אַרויס געשווינט פון ירושלים, ווייל
זיי וועלן (דאָ) נישט אָננעמען דיין עדות־זאָגן וועגן
19 מיר. און איך האָב געזאָגט: האַר, זיי אַליין ווייסן
(דאָך), אַז איך פלעג איינזעצן אין תפיסה און שלאָגן
20 אין אַלע שולן די, וועלכע גלויבן אין דיר; און
בשעת דאָס בלוט פון דיין עדות סטעפאַנוס איז
פאַרגאָסן געוואָרן, בין איך אַליין געשטאַנען דערביי,
מסכים זייענדיק (דערצו), און אַכטונג געבנדיק
אויף די מלבושים פון די, וואָס האָבן אים געהרגעט.
21 און ער האָט צו מיר געזאָגט: גיי; ווייל איך וועל
דיך שיקן ווייט צו די אומות־העולם.
22 און זיי האָבן אים אויסגעהערט ביז צו דעם דאָזיקן
וואָרט; און האָבן אויפגעהויבן זייער קול, זאָגנדיק:
פאַרטיליק אַזאַ מענטשן פון דער ערד; וואָרום ער
23 איז נישט ווערט וואָס ער לעבט! און בשעת זיי
האָבן (אַזוי) געשריגן און אַראָפּגעוואָרפן די מלבושים
24 (פון זיך) און געוואָרפן שטויב אינדערלופטן, האָט
דער הויפטמאַן באַפוילן, ער זאָל אַריינגעפירט
ווערן אין דער פעסטונג אַריין, און האָט געהייסן,
מען זאָל אים אויספאָרשן מיט שמיץ, כּדי זיך
צו דערוויסן, צוליב וועלכער סבה זיי האָבן
25 אַזוי געשריגן קעגן אים. ווי אָבער מען האָט אים
אויסגעצויגן צום שמייסן, האָט פּולוס געזאָגט צום
אָפיציר, וואָס איז געשטאַנען דערנעבן: צי איז